ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ר"ח–א' כסלו תשס"ו

## פרשת תולדות

טייערע קינדער שלוחים,

"מאמי, מיין קאפ טוט וויי, און איך פיל אז אלץ טוט מיר וויי," וויינט מענדל. "אוי מענדל איך ווייס ווי שווער עס איז ווען א קאפ טוט וויי. די גאנצע גוף פילט ניט גוט. זארג זיך ניט, דו וועסט זיך רוען אין בעט און איך וועל דיר געבן הייסע טיי, און דו וועסט פילן אסאך בעסער. און מענדל, ווען דיין קאפ וועט פילן בעסער וועט דיין גאנצע גוף האבן מער כח."

קינדער, ווען דער קאפ איז ניט געזונט האט עס א גרויסע השפעה אויף דעם גאנצן גוף און ווען דער קאפ ווערט נאכאמאל געזונט, גייט אלץ צוריק צו נארמאל.

ווי איר וועט לייענען, איז היינט – ראש חודש כסלו- א גרויסע יום טוב. דאס איז דעם טאג ווען דער רבי – אונזער קאפ – דעם ראש בני ישראל- איז געווארן געזונט. דעם טאג איז א יום טוב פאר אלע חסידים .

אויף דעם טאג, זאג לחיים און בעט ביים אויבערשטן אז דעם ראש חודש כסלו זאלן מיר נאכאמאל זען אונזער רבי!!

האב א גוטן שבת!

א. וועכטער

לעילוי נשמת הרב החסיד מאיר בן ר' גרשון אבצן – כ"ט מרחשון ה'תשס"ב



## משיח נאו!

מענטשן מיינען אז שמחה – פרייליכקייט איז נאר א שיינע זאך. ניט אלע ווייסן אז שמחה איז גאר א גרויסע מצוה, און אז מיט אונזער שמחה קענען מיר ברענגען משיח!! דער רבי' האט געזאגט אז מען זעט אז די ווארט **ישמח** האט די זעלבע אותיות ווי דעם ווארט **משיח**. זעט מען פון דעם אז ווען מען טוט מצוות פריילעכערהייט וועט דאס ברענגען גאולה!!



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת תולדות

עס שטייט אין די וואך'ס פרשה וועגן די קינדער פון יצחק, "הקול קול יעקב והידים ידי עשו" -דער קול איז דער קול פון יעקב, און די הענט זיינען די הענט פון עשו. עס ווערט ערקלערט אין מדרשים אז בשעת עס איז פאראן די "הקול קול יעקב"- מען הערט די שטימע פון אידישע קינדער וואס לערנען תורה אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות מאכט דאס צונישט די "ידים ידי עשו", די הענט פון עשו וואס וויל שלעכטס טוהן אידן, און אויף זיי געוועלטיקן.

אונזערע חכמים דערציילן, אז אין דער צייט פון חורבן האבן די אידישע קינדער געזאגט, "אויב אונזערע שונאים וועלן קומען אויף אונז וועלן מיר ארויסגיין אויף זיי מיט אונזערע מכתבין, (די טייטלען וואס זיי נוצען אויף צו אנווייזן דעם ארט וואו זיי האלטען אין דעם ספר וואס זיי לערנען) און שטעכן דעם שונאים."

אידישע קינדער זיינען געווען זיכער אז דער זכות פון זייער לערנען תורה איז אזוי גרויס, אז האלטנדיק אט די טייטלען מיט וועלכע זיי נוצן ביים לערנען' וועלן זיי זיכער בייקומען'די שונאים פון אידן.

נאך עפעס: די טייטלען צו ווייזן אויפ,ן ארט וואס מען לערנט, ווערן געניצט נאר פון קליינע קינדערלאך. עלטערע קינדער נאך בר מצוה דארפן נישט אנקומען צו אזעלכע טייטלען.

איז במילא פארשטאנדיק, אז די אויבענדערמאנטע רייד, זיינען געווען פון קליינע אידישע קינדערלאך, און טראץ דעם איז אפילו זייער "קול קול יעקב" וואלט מנצח געווענ'די שונאים פון אידן.

און דאס איז די אפלערנונג פאר אונז: אידישע קינדער דארפן וויסן' אז דורך זייער "הקול קול יעקב"- לערנען און דאווענען, האבן זיי דעם כח צו מבטל זיין דעם גלות און ברענגען'די גאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו!

*פון דער רבי' רעדט צו קינדער – שיחת ג' מנחם אב תשמ"א*

# דעם חסידישן לוח

## ראש חודש כסלו



"דער רבי איז געזונט!"
דאס איז געווען דער רייד
מיט וואס די גאנצן האבן געטאנצט
און אלע חסידים געפרייט.

אויף דעם ספעציעלען טאג
זינג א ניגון, מאך א קולע
ווייל נאר דורך אונזער שמחה
ברענגען מיר גאולה!!

עס איז געווען שמיני עצרת בייַנאכט. די חסידים זיינען געווען פול מיט שמחה און האבן געקוקט מיט ליבשאפט אויפן רבי'ן. דער רבי האט געטאנצט, אבער עפעס איז ניט געווען ווי יעדער יאר. דער רבי האט אויסגעזען פארמאטערט.

פלוצלונג איז דער רבי געווארן ווייס, און האט זיך אראפגעזעצט אויף א בענקל. אלע האבן זיך זייער דערשראקן. מענטשן האבן אנגעהויבן שרייען "לופט, דער רבי דארף האבן לופט. יעדער איינער מוז גלייך ארויסגיין פון שול. " מענטשן האבן ניט געוואוסט וואס צו טאן ערשט. מענטשן האבן צובראכן פענסטערס ארייצוברענגען מער לופט אין שוהל. מענטשן זיינען שנעל ארויסגעלאפן פון שוהל. שפעטער האט מען אויסגעפונען אז דער רבי האט געהאט א הארץ אטאקע.

דאקטוירים זיינען געקומען און האבן געוואלט נעמען דער רבי אין שפיטאל. דער רבי האט בשום אופן ניט געוואלט. געוויסע דאקטוירים זיינען אוועקגעגאנגען, ווי האבן געזאגט אז זיי קענען ניט נעמען אחריות אויפן רבי'ס געזונט אויב דער רבי איז ניט גרייט גיין אין שפיטאל. אבער אנדערע דאקטוירים האט מען ארייגערופען און זיי זיינען געווען גרייט העלפן צום רבי'ן אין 770. אויבן אין 770 איז געווארן א קליינע שפיטאל.

אין די צייט האט דער רבי געזאגט פארן חסידים אז זיי מוזן זיין פרייליך און אז די שמחה וועט ברענגען די רפואה שלימה. די טעג און וואכן זיינען אריבערגעגאנגען ביז...
**ראש חודש כסלו איז דער רבי אהיימגעגאנגען** פון 770 און אלע האבן געזען אז דער רבי איז שוין געזונט!

פון תשל"ח האבן מיר זוכה געווען צו הערן פון דער רבי נאך 14 יאר. אסאך האבן געמיינט אז דער רבי וועט יעצט טאן ווייניגער צו היטן אויף זיין געזונט. אבער אנדערש פון ווי אלע האבן געמיינט, האט דער רבי נאר צוגעלייגט אין זיין הייליקן ארבעט פאר אונז.

# דערצייל מיר א מעשה

## א מעשה פאר ראש חודש כסלו

אין די צייט ווען דער רבי איז געווען אויבן אין 770 נאך זיין הארץ אטאקע האבן די חסידים ניט געוואוסט וואס צו טאן. בעיקר האט זיך דאס אסאך אוועקגענומען די שמחה פון די חסידים.

דער רבי האט געהייסן זאגן די חסידים אז זיי זאלן זיין פרייליך, ווייל זייער שמחה וועט ברענגען דעם רבי'נס געזונט.

איין טאג איז הרב קאזארנאווסקי אריינגעקומען צום רבי'ן, און מיט טרערן אין אויגן האט ער אנגעוואונטשן דעם רבי'ן מיט א רפואה שלימה. ווען דער רבי האט געזען אז ער וויינט איז דער רבי ניט געווען צופרידן. דער רבי האט צו אים געזאגט "דו ווילסט אז איך זאל זיין געזונט – קען דאס זיין נאר דורך שמחה!"

הקפות די טאג נאכן הארץ אטאקע האט מען געמאכט מיט א שטורעם לויט ווי דער רבי האט געהייסן, אפילו אינעווייניק האט מען ניט געפילט די שמחה נאר זארג אויף דער רבי'ס צושטאנד. אלע האבן געוואלט טאן וואס זיי האבן נאר געקענט, צו העלפן צום רבי'נס געזונט. איינער האט אנגעהויבן זינגען "דער רבי איז געזונט...דער רבי איז געזונט!!" אלע האבן מיט געזונגען און מיט דעם געטאנצט. ווען דער רבי האט דאס געהערט האט דער רבי געזאגט " דאס זיינען חסידים!"

ווען מען האט געפרעגט אויב די זינגען באדערט צום רבי'ן האט דער רבי געזאגט "דאס איז שיינע מוזיק פאר מיר!" שפעטער האט דער רבי געזאגט צו הרב גראנער "זאג זיי אז ווי זיי האבן געטאנצט היינט מיט א גרויסן שטורעם, זאלן זיי טאנצן מארגן בייַנאכט מיט נאך א גרעסערן שטורעם!!"

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
**בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת תולדות

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ו' כסלו, און דו קענסט געווינען א פרייז!

## <u>דרגה א' און ב':</u>

*רינגעל ארום אויב די זאכן זיינען גערעכט אדער פאלש*

| | | |
|---|---|---|
| דעם וואך'ס פרשה רעדט וועגן יעקב'ס קינדער | אמת | שקר |
| דער איבערשטער האט אנגענומען יצחק'ס תפילה אויף קינדער | אמת | שקר |
| ווען עשו איז געבארן געווארן האט ער אויסגעזען ווי א נארמאלע קינד | אמת | שקר |
| ווען עשו איז געבארן געווארן האט ער אנגעהאלטן יעקב'ס פיאטע | אמת | שקר |
| כסלו האט נאר איין טאג פון ראש חודש דעם יאר | אמת | שקר |
| דער רבי האט אונז באוויזן אז ווען מען "טראכט גוט וועט זיין גוט!" | אמת | שקר |
| ראש חודש כסלו איז דער רבי צוריקגעגאנגען אין 770 | אמת | שקר |
| די מעשה פון ראש חודש כסלו איז געווען אין תשל"ח | אמת | שקר |
| דער רבי האט באקומען די הארץ אטאקע שמיני עצרת | אמת | שקר |
| נאך ראש חודש כסלו האט דער רבי וויי'ניגער געארבעט | אמת | שקר |

## <u>דרגה ב:</u>

*פארריכט יעדער ניט ריכטיקן זאץ*

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

הצלחה רבה

נאמען: ______________________ ווי אלט: ______

אגרעס: ______________________________

______________________________

אימייל: ______________________